STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00046

# GASN UN EVENYUS

Eliezer Greenberg

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Lester M. Abelman*
*in memory of*
*Eliezer Greenberg*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר גרינבערג

# גאַסן און עוועניוס

הויפּטפאַרקויף
בידערמאַנ'ס בוך־געשעפט
239 East 12th Street
ניו יאָרק, נ. י.

Copyright 1928
By Eliezer Greenberg
New York, N. Y.

446 פינסקי־מזל פרעס, אינק., 84 באוערי, נ. י.

# אינהאַלט

## אַפּשייד

ליפּקאַן מיין היים — 7

## גאַסן און עוועניום

ברוקלין בריק — 13
House for Sale — 14
אויף גאַסן־ראָגן — 16
וואולוואָרט טורעם — 17
אַפּאָסטאָלן — 18
שטאָט — 20
סטענאָגראַפיסטקעס — 22
גאַסן — 25
1915—1920 — 26
עלעגיע — 27
שבת נאַכט אין טאַנץ זאַל — 30
אַלטע שיפן אין האַפן — 35
באַנען אין געיעג — 36
דזשים דער נעגער — 37
ציגיינער אויף בראָדוויי — 38
זונטיק רו אויף גאַסן — 39
לאָמבאַרדן — 40

## מענטשן

שלום עליכם — 45
קיטס — 46
וואָלט וויטמאַן — 47
גאָרקי — 48
טשאַרלי טשאַפּלין — 49

## מיר

אַ שוויגנדיקער — 53
קען זיין — 54
ווי ים שוים — 55
מאָדנע — 56
ווי טויבן צוויי — 58
ווי אַ שוואַרצער זייל — 59
קילע טייכלאַך — 60
מיט מויל פאַרשלאָסענעם — 61
אין טעג — 62
דיין נאָמען — 63
אַ טאָג — 64
פרי־האַרבסט — 66
זון און בריוו — 67
די פרייד פון ברויט און זאַלץ — 68
געבענטשט זאָל זיין די רגע — 69
אין דער פרעמד — 70
ווי פייער פונקען — 71
באַגעגעניש — 72
בריוו — 73
אין רו פון ווענט — 74
ווענט — 75
ס׳האָט גאָט — 76

## וועגן

וועגן — 79
באַם ים — 80
ערד — 82
אין שפּיטאָל — 85
אָונט — 87
ווערטער — 88
אַ תפילה — 89
זון פאַרגאַנג — 90
מיטנאַכט שעה׳ן — 91
פאַרטאָגן — 92
איצט — 93

# I

# אָפּשייד

## ליפּקאַן מיין היים.

ווער ווייסט צי וועל איך נאָך אַמאָל באַטרעטן
דיין ערד, אָ בעסעראַביע מיין היים.
כאָטש דאָ באַ אונדז, אין רייכן לאַנד און פּעטן —
געדענק איך דיינע שטיבעלאַך פון ליים.

כ׳געדענק דיין שבת־יום־טוב, די באַטאָגן,
די פאָרלאַך אונטער שטאָט אויף אַ שפּאַציר :
וואו טרויער פון דער וואָך ברענגט מען צעטראָגן,
ווייל ס׳עפנט ניט דאָס הארץ — דורך דער וואָך — די טיר.

געדענק איך דיינע לויטערע פאַרנאַכטן,
די טשערעדע, די „דוינע“ פון „טשובאַן“
און גוט איז מיר אַמאָל פון דיר צו טראַכטן —
דו פּינטעלע, דו ליכטיקס, מיין ליפּקאַן.

ווער ווייסט צי ס׳וועט נאָך ווען אַמאָל באַטרעטן
מיין פוס, אָ בעסאַראַביע, דיין ערד :
כ׳נעם אָבער אָן ביז לעצטן האַרבסט־טאָג שפּעטן —
מיין נורל, וואָס איז מיר אַדאָ באַשערט.

באשערט איז מיר דעם בחור דעם פארשייטן
צו לעבן ווייט פון דיר אין נויט און זאָרג:
און שיקן זאָל איך גרוסן דיר פון ווייטן —
מיינע לידער פון דער שטאָט ניו־יאָרק.

ב

באשערט געווען אין יוגנט זיך אָפּזאָגן
פון היים, פון פריינט און טרוימען זעכצן־יעריקע:
זיך אָפּגעבן דעם וואַנדער — זאָל ער טראָגן —
האָט פארטראָגן מיך אהער ער, קיין אמעריקע.

באשערט געווען מיין ליד זאָל דאָ צעבליען זיך,
צעבליען זיך אין שטאָט צווישן מויערן:
און זינגען זאָל איך דאָ פון די וואָס מיען זיך,
און זינגען זאָל איך — זינגען, ניט באדויערן.

מעג שווער אויף דעם געמיט זיך נאָך צעלייגן
דאָס נייע ליד, אויף „היינט" און אויפן „נעכטן".
פארחלשט ליגן אלע אלטע וועגן —
און זיגן מוז דער וועג נאָר פון גערעכטן.

ס'צערייסט דער ים פון האָס שוין אלע צאָמען.
עס שופּרט שוין דאָס ליד פון שטאָל און אייזן:
דער מענטש האָט שוין פארזוכט פון אלע סמ'ען —
וועט מוזן ווען משיח דאָ זיך ווייזן — —

נאָר ניט ווי אין די מעשה'ס פון פאַרצייטן,
פאַרשריבן האָט די גלייכגילטע געשיכטע:
אויף רויך פון שטאָט זאָל קומען ער צערייטן —
זאָל קומען ער, ווערט קומען ער, פאַר אונדז די אויפגעריכטע.

ג

פאַרגיב מיר, היים, וואָס כ'האָב דיך ניט באַזונגען,
דו אָרט, וואו ס'איז מיין וויגל ווען געשטאַנען:
דיין ערד האָט שוין מיין טאַטן לאַנג פאַרשלונגען —
און האַלסט בא זיך אַלס משכון נאָך מיין מאַמען.

אויך זי ווערט דאָרט איר לעצטע רו געפינען,
און הייליקער ווערט נאָך דיין ערד מיר ווערן.
נאָר איך וועל דאָ ביז לעצטן אָטעם שפּינען —
מיין שטאָטיק ליד און קיינמאָל ניט אויפהערן.

אָפט גייט אין מיר אַ בענקשאַפט אויף מיט וואונדען,
ווי נאָך אַ ליב־פאַרלוירענער באַקאַנטשאַפט.
ס'האָט בלוטיק אונדז די ערד אַזוי פאַרבונדן —
ווערט אייביק בלוטיק זיין אונדזער פאַרוואַנדשאַפט.

צעשיידטע אָבער וועלן מיר שוין בלייבן.
נישט איך וויל און ניט איך קען מיין גורל מיידן.
און ווען איך וועל דאָס לעצטע ליד אָנשרייבן —
אַ קום מיין האַרבסט, מיין קאָפּ איז גרייט פאַר שניידן.

דעם לעצטן אָטעם אויסהויכן אין לידער,
מיט נייער־ערד אַ נייעם בונד דאָ שליסן:
און ס'איז באַשערט מיר דאָ, ס'זאָל מיך די פייכטע נידער
מיט רידלען ערד, צום לעצטן מאָל, באַגריסן.

# II

# גאַסן און עוועניוס

## ברוקלין בריק

אָ, שטאָלצע, מאַיעסטעטישע סטאַטוע,
דו וואונדערלאַך געפּלעכט פון קייט און שטריק:
ס'פּאַרטראַכטן דיך איז אַ ליכטיקע נבואה —
און דיין אויסזען איז דער שטאָלץ פון מענטשנס זיג.

דו האָסט זיך אין דער לענג דאָ אויסגעצויגן,
צווישן ברוקלין און ניו־יאָרק איבערן טייך:
— פון אייזן און פון שטאָל אַ רעגנבויגן,
אַ בונד געשלאָסן צווישן רייך און רייך.

הויך איבער דיר — גרוי־רויכיקע אוזאָרן,
אונטער דיר — אַ שפּיגל אויסגעצויגן,
איך קוק אויף דיר פון צוואַנציקדיקן גאָרן —
און ס'פּלאָנטערט זיך מיין צונג אין בלענד פון אויגן.

אַ הענגענדיקער ריז אויף קייט און שטאַנגען,
האָסט געצונדן העל דעם קנויט פון מיין געמיט,
איצט בליען אין מיר שטאָטישע געזאַנגען
מיט דעם שטוינען, פון דיין וואונדער, אין מיין ליד.

## HOUSE FOR SALE

פֿון גאַנצן רייך און יחוסדיקן שטאַם,
איז נאָר דאָס אַלטע הויז דאָ, אויף דער גאַס, פֿאַרבליבן.
פֿון די ריזן־שכנים אָפּגעגרעניצט מיט אַ צאַם —
שטייט עס דאָ מיט גרויסע פֿענצטער און לאַמטערנס בײַ די טירן,
ווי ראַפֿינירט פֿאַרבליבענע מאַנירן
אין בלוט פֿון דורות אַלטע אַריסטאָקראַטן,
וואָס האָבן שוין זייער האָב און גוטס פֿאַרלוירן —
און דאָך זייער איידלקייט ניט אָנגעוואוירן.

די צימערן, ווי זאַלן גרויס צום טאַנצן.
די שפּיגלען אין די ווענט פֿינקלען העל און גלאַנצן —
אַ זכר נאָך פֿון יענע גוטע צייטן,
ווען ס׳האָבן רו און ציכטיקייט אַרומשפּאַצירט געאַרעמט,
און ווי אויף דער זון אַ קאַץ —
האָט זאָרגלאָז זיך די פֿוילקייט דאָ געוואַרעמט.

דער אָנבליק, אינם סטיל פֿון קינדער־יאָרן,
ווען ס׳פֿאַרציט ניט דאָס געזיכט קיין קנייטש פֿון זאָרג,
ווען ס׳איז געווען אַ טרוים נאָך — צוואַנציק גאָרן
און נאָכגעקרימט זיך פֿרעמדע האָט ניו־יאָרק.
ביז ס׳האָט מיט רייף פֿון יאָרן, שיין פֿון וואַנדל
פֿאַרלאָשן זיך אויף שווינדלדיקע טרעפּ.
און ס׳האָט דער שוואונג פֿון אינדוסטרי און האַנדל —
דאָ אָפּגעהאַקט די קאַרליקעס די קעפּ.

פֿאַרשאָטן שנעל דעם קינדער־סטיל פֿון דורות,
טראַדיציע — פֿאַרהילט מיט שיכטן שטויב.
איצט שטאַרצן טורעמס דאָ, ווי ברענענדע מנורות
אויף ווילד געיעג, אין רוים, ווי נאָך אַ רויב.

פֿון גאַנצן רייך און יחוסדיקן שטאַם
איינציק, ווי אַ צופֿאַל, איז דאָס הויז פֿאַרבליבן,
פֿון די ריזן־שכנים אָפּגעגרעניצט מיט אַ צאַם —
טראַניש ווי אַ יורד, מיט דעם קאָפּ געבויגן,
גלאָצט עס שטאַר אויף דורכגייער מיט טריבע אויגן,
און בעט זיך, מיט שילדן אין שוואַרצן אויסגעשריבן:
**House For Sale.**

## אויף גאַסן־ראָגן

מיט באַגינענס וואַקסן בעטלער אויס אויף גאַסן־ראָגן,
וואו ס'שטרעקט יעדער אויס נאָך בעטל־ברויט זיין האַנט:
און ווי העלדן שטאָלץ אויף צייכנס, וואָס זיי טראָגן —
ווייזט יעדער זיין דערנערונג־קוואַל דער וועלט, — זיין שאַנד.

— די וואונדן קרעציקע די האַלב־פאַרפוילטע פיס און הענט,
ווי קרעמער רימענדיק זייער סחורה אין באַזיץ.
און ס'שטאַרצט יעדער אין גאָט'ס פּנים דעם מום וואָס ברענט
זיין אויסגעצערטן גוף — ווי אַ הויז צושטערט פון בליץ.

אַלמעכטיקער, ס'איז דיין באַשאַף אין אייגענעם געשטאַלט,
וואָס מאָנט בא דיר דעם ציל, דעם זין פאַר שווערער שטראָף!
ביז לעצטן אָטעם וועט דאָס חרוב הויז וואָס זיך צעפאַלט —
דיך פייניקן, שטום־קוקנדיק צו דיר אַרויף.

ביז אין אָוונט, אין גרויען שיין פון אייגענע פיר ווענט,
וואו ס'ברענגט זיי ווער אַהיים נאָך רויש און שטאָט געלאָף:
קלינגט ווי אַ קללה זייער שכר — ס'געלט פאַר זייער מום געשענדט —
און ס'וויינט גאָט אין טיפן צער אויף אייגענעם באַשאַף.

## וואָלוואָרט טורעם

אַ וואונדערלאַכער מאָנומענט,
שוואונג פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט,
טראָגסט שטאָלץ דיין קאָפּ צום רוים געווענדט —
און כ׳שטוין מיט בליק אויף דיר פאַרוואונדערט.

אָ וויפל מי און גייסט פאַרצערט
ליגט דאָ, אין דיינע ווענט און שוועלן :
זינט דו האָסט ווי אַ קינד אויף דר׳ערד —
געלערנט זיך אַ פוס צו שטעלן.

איצט שטייגסטו דאָ מיט אָדלער־אימפּעט,
מיט ריטמיש־טורעמדיקן גאַנג :
ווייל אייביק שוואַנגער — ליגט אין קימפּעט
דער מענטשלאַך־ברויזנדער געדאַנק.

און נישט מיט וואָרט אליין, ווי גאָט,
— נאָר מיט בליץ פון גייסט און מי פון הענט,
האָט דער מענטש אין כאַאָס פון דער שטאָט —
דיך אויסגעחלומט, מאָנומענט.

# אַפּאָסטאָלן

ווי בלוטיק נאָענט איז מיר אייער ווייַ באַקאַנט,
שוועסטער מיינע, ברידער מיינע, אין דער טונקעלער שעה:
ווען ס'איז שוין מער נישט נאַכט, נאָר טאָג איז נאָך ביים ראַנד —
און עס ציטערט גרוי די וועלט ווי אַ קראַנקע קראָ.

ווען ס'רייסט פון שלאָף־נאָפּל דער קאָפּ זיך אָפּ ווי שכור,
און ס'פּאַרטרויעט זיך דער גוף — די פיס — אויף לאַנגען טאָג:
אַז אפשר זיין וועט היינט דער טאָג א מזלדיקער.
מיט צייטונגען אין הענט באַם שיין פון גאַסן־ראָג —

ווען אויגן שפּיזן זיך אריין אין דריבנער שריפט,
צי ס'וועט נישט איינעמס כח און צייט אוואו פאַרלאַנגט:
ס'פלעג האָפנדיק אַזוי אין הייליק־בוך פאַרטיפט —
מיין זיידע בעטן גאָט מיט אַ ציטערדיק געזאַנג.

ווער עס האָט פאַרלאָזט אַ היים, אָן אָרים הויזגעזינט,
אָן אויסגעצערטע פרוי און קינדער דאַר און בלאַס:
און די פון אייך, וואָס לעבן הפקר ווי די הינט —
און ס'האָט אויפגעוועקט אייך בלויז דער שטאָט־גערויש אויף גאַס.

טונקעלע געשפּענסטער, אָ, שטאָטישע באַסיאַקעס,
מיט לעצטן פונק פון גלויבן — פאַרצערטן — אָן חרטה,
פאַרצייכנט האָט דער גורל, און אָט־דאָס דער פּסק איז:
— עס זאָל זיין די וועלט אייער בלוטיקע גאָלגאָטאַ.

ס'וויל אייער ווי פאַרלאַטען די וואויל־טעטיקע שוועסטער,
און אייער זעל אויסלייזן די ברידער־מיסיאָנערן :
און די רייד פון ביידע — אויף האַרץ פון וועלט ווי לעסטער,
ווי אַ רויך, א ברודנער, אויף העלן שיין פון שטערן.

ס'שפּאַנט דער טאָג אַריבער דעם ראַנד, מיט שיין און פריידן,
נאָך שלאָף און נאַכט־גליק־זעט באַלד בלייבן ליידיק בעטן :
איר וועט זיך מיט עלנט באַטאָג אויך ניט צעשיידן,
און אויפקלייבן אויף גאַסן — שטיקלאַך־ציגאַרעטן.

און גליקט אייך אָפּ אַמאָל (עס איז דאָך גליק פאַראַנען)
קופּער־מינץ וואו קריגן, לויפט איר מיט זשעדנער תאוה :
אין פאַרויכערט־ביליקע און גרויע רעסטאָראַנען —
זיך דערוואַרימען און טרינקען נישט־באַטעמטע קאַווע.

ווי בלוטיק נאָענט איז מיר אייער ווייַ באַקאַנט.
ברידער מיינע, שוועסטער מיינע, אין דער טונקעלער שעה :
דאָך זע איך ווי אין חלום די וואָר פאַרצערט פון בראַנד,
און ס'שוועבט פרידלאַך ווי אַ טויב די קראַנקע וועלט, די קראָ.

ווייל אָפּשטעלן וועט איר די האַס־רעדער פון מאָלן,
דאָס אומגליק־פערד — אין צוים — ווי אַ געצאַמטער טייך :
און אייער שטאַם פאַרשטויסן — געזאַלבטע אַפּאָסטאָלן,
— אייך זיין וועט אָנגעברייט דאָס ערדיש־קיניגרייך.

## שטאָט

נאַכט.
מילד און מילדער
ווערט דער ווילדער
שטאָט־גערויש:
אַזוי, אַז אָפּטמאָל דאַכט זיך אויס
אָט מאַכט די ריזן־שטאָט איר מויל באַלד צו,
גאַרנדיק נאָך רו,
און ווערט אינגאַנצן שטיל אַנטשוויגן.
און נאָענט באַם אַרבעטער־קוואַרטאַל
האָט לאַנג דאָס קליינע שטאָט־פּאַרקל שוין אויסגעשפּיגן
— ווי פליגן
אַלע מידע לוין־קנעכט,
וואָס קומען קינד און קייט
אין זומער נעכט,
נאָך שווערע אַרבעטס־טעג אין שטיקיקע פאַבריקן —
אַהערצו זיך דערקוויקן,
מיט פרישער לופט און ווינט וואָס ווייעט
פון נאָענטן האָדסאָן־טייך.
נאָר איצטער ליגן זיי אין שלאָף פאַרזונקען,
ווי שיכורים אָנגעטרונקען,
אָדער ווי הרוגים ריי נאָך ריי
צו צוויי, צו דריי, און פיר, און פינף אין איין צימער
ביז ס׳נעמט באַגינען זיי צו וועקן,

דאָס רעוועץ פון פאַבריקן ווילד
און קליינע קינדער אין די וויגן שרעקן:
או־הו־הו!
שטייט אויף!
ס'איז ניט פאַר אייך געגעבן רו און שלאָף!
ס'איז ניט פאַר אייך געגעבן גליק און פרייד!
או־הו־הו!
עס דאַרף די ריזן־שטאָט שוין ווידער מענטשן פליש און מענטשן מי!
באַלד כאַפּן זיי זיך אויף
און רייסן פון די קישנס אָפּ
די שווער־מידע קעפּ, האַלב־שיכורע פון שלאָף,
און מחנותווייז דורך גאַסן לאַנג און ברייט,
מיט קעפּ געבויגענע פון יאָך
און שטילערהייט —
ווי עס גייען צו דער שחיטה מחנות פי,
לאָזן זיי זיך צו דער אַרבעט שווער אַוועק,
וואו עס שלינגען זיי פאַבריקן־תפיסות איין
טאָג איין, טאָג אויס,
איעדן אינדערפרי.

## סטענאָגראַפּיסטקעס

מיט ווירטואָזער פלינקייט
ווי אויף פּיאַנאָס
טאַנצן מיידל־פינגער אויף די שרייב־מאַשינען,
און ס'קומט זיי גאָרניט אויפן זינען,
האָבן צו דער וועלט, ווי קינסטלער, טענות.
אויף אייזערנע קלאַווישן
שפּילן זיי אַ רוישיקע סימפאָניע,
אָן מינדסטער האָפענונג און וואונטש
צו קריגן אַפּלאָדיסמענטן,
נאָר ווען גרוילאַך ווערט דאָס גאָלד פון טאָג,
פון דעם פאַרברענטן —
ווערט זייער שפּיל־גערויש פאַרוואַנדלט
אין אַ מעלאַנכאָלישער מאָנאָטאָניע.

אכט שעה אין טאָג זיצן זיי
איבער די שרייב־מאַשינען איינגעבויגן,
מיט פאַרזיכט פון אַ פּאָדאָרעווסקי באַ דעם לייענען נאָטן.
ביז די פינגער ווערן זיי, פאַרנאַכט, פאַרשטאַרט ווי דראָטן,
און רויטלאַך מאַט פון אָנשטרענגונג — די אויגן.
ציפער־שפּראַך פון פרעמד פאַרמעג
און געשעפט־קאָרעספּאָנדענץ
פאַרשלעפערן זייער געדאַנק מיט טעמפּקייט ווי טומאַנען:
אין אָוונט שלינגען זיי ביים שיין פון ליכט, —
מיט שפּאַנונג שונד־ראָמאַנען,
און אָטעמען אָפּ צופרידענע פון „גוטן סוף“,
און גרייטן שלאָפן זיך מיט אַ געניץ.

דאָס „שיקזאַל״ פון דער „העלדן״ לאָזט אָבער ניט איינשלאָפן
און וועבט זיך אין זכרון —
ווי ס׳פאַרפאָלגט אַן אנגענעמער נאָך־טעם
רייצנדיק די צונג און גומען:
טרוימט איעדע, אַז ס׳וועט אויך נאָך איר,
א כשוף־פרינץ ווי נאָך דער העלדן קומען —
און ווי חלב־ליכטלאַך
גייען אוים דערווייל אין איינזאַמקייט,
די יונגע יאָרן.

די צייט צעמאָלט אויף שטויב די נעכט און טעג
און ווערט ניט מיד צו שווינגען אירע פליגל,
די פרינצן, ווייזט אוים, איילן זיך נישט קומען,
זאָרגלאָז בלאָנדזשענדיק אויף וועגן:
צאַנקט די האָפענונג מיט יעדן אויפשטיין און זיך לעגן,
און אַז ס׳מערן זיך די קנייטשן אויפן פנים —
פאַרטרויט דער שפיגל.

יעדן טאָג די זעלבע מויערן, דיזעלבע פנימער,
דיזעלבע גאַסן,
צעוואַקסט די מאָנאָטאָניע זיך
אין אַ שוואַרצן, דראָענדיקן שייטער.
שמינק און פודער פאַרגלעטן קנייטשן
און מאַכן אויסזען יונגער און פאַרשייטער,
נאָר דער פינגער־טאַנץ אויף די קלאַווישן —
ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער געלאַסן.

ביז אין גרוי פון מיטל־יאָרן
באַווייזט זיך ווי אַ שפיל־געוועט דאָס לעבן,
הייבט שטעכיק אָן די עלטער־שרעק אין אויער אריין צו זשומען:

עס וועט דער פּרינץ דער אויסגעחלומטער —
נישט קומען, וועט נישט קומען,
לאָזט מען נאָך די גורל־לייצעם —
דאַנקענדיק —
פאַר יעדער מינדסטער גאָב פון לעבן.

# גאַסן

ווי הויקערס אויף דער פּלייצע פון דער ערד,
שטייען דאָ די הייזער איינגעבויגן:
די גרויע ווענט — מיט לאַסט פון צייט באַשווערט,
די פענצטער דאָ — ווי אויסגעזעצטע אויגן.

ווי שאַרפער ווײַרוך שמעקט מיט מיסט און קויט
אויף קרום פאַרנאַכלעסיקטע גאַסן,
ס׳האָט רחבותדיק צעלייגט זיך דאָ די נויט
מיט שטומען פּיין פאַרברידערט פּרעמדע ראַסן.

עס פּאַלן דאָ פּרימאָרגנס אָן ווי רויבער
אויף מאַן און פרוי, פון זאָרגן אויסגעצערט,
מיט דעם ערשטן בליק פּון זון אויף שויבן —
שווינגט דער טאָג זײַן בלענדעניקע שווערד.

טומלדיקער רויש און ברום פון משוגעת.
חיהשער גערעוו פון אויפגעוואַכטער שטאָט:
נישט מיט פרייד פון מי — נאָר מיט שוויים און האַס —
א געקרייצטער דרייט זיך דאָ דער מענטש אין ראָד.

ביז אָוונט־גרוי פּאַרמאַטערט פּון געפּעכט,
לאָזט בלינד אַראָפּ דער טאָג די מידע הענט.
— שטילע פרייד פּון רו, לאָמפּן־מאַטע — נעכט,
מאָלצייט קאַרג, שלאָף צווישן טויבע ווענט.

דאַן שלייכט ארום די נאַכט, מיט אויער צו די הייזער,
און פאַרנעמט מיט פרייד ווי בשורות פון דער ווייט:
— דאָס מעסטן פון דער נויט מיט יעדן צוק פון ווייזער —
אויף זייגער פון דער וועלט — דעם אומרו פון דער צייט.

## 1915—1920

מיט אויסגעקריצטע קין־צייכנס אויף די שטערנס,
מיט איינגעריכטע הענט אין ברודער־בלוט,
מיט מיילער צוגעוואוינט צו פאלשע רייד און ליגן,
מיט סם און עקל אנגעפילטע הערצער —
גייט די אלטע וועלט און מיר מיט איר צו קבורה!

אין גסיסה־ליידן ראנגלט זיך די אלטע, אפגעלעבטע זונה,
און וויל ניט שטארבן!
נאר איבער אונדז און איר נעמט טורעמען א נייע וועלט —
דעם קאפ פארריסן הויך מיט שטאלץ,
וועט זי אונדז באלד מיט גראבנס־ערד פארשיטן,
און אפקערן מיט עקל זיך פון אונדז ווי פון א פגירה!

מיר וועלן ניט שטארבן!
— אונדז וועלן פיל קומענדע דורות דערמאנען
מיט שוים אויף די ליפן און קללות אין הארצן —
מיר וועלן ניט שטארבן!
נאך אונדז וועלן בלייבן אומווירדיקע טאטן,
וויסט־חרובע שטעט און האלב־חרובע לענדער,
קראנקע אינוואלידן און קאליקעס־בעטלער,
יונג־זויגיקע־קינדער — געבוירענע זקנים,
און פוסט־וויסטע פעלדער פון קיינעם פארזייטע —
וואס בייינקען נאך לאם, און נאך רידל און אקער,
און שטרעקעס־לאנג, שטרעקעס מיט צלמים פארזייטע —
א זכר נאך אונדז און נאך אונדזערע טאטן!...

## עלעגיע

איינגעהילטע טעג אין פיין פון שטומען ווארטן.
איינגעטונקטע נעכט אין סם פון סודם באשייד.
הינטער גראטעס זיבן יאר —
וואס חלומט זיך א וויזיאנער, א שוסטער, א פארשפארטן ?
און צו וואס דערטראכט זיך דארט —
א פיש־פארקויפער מיט דער זעל פון א פאעט ?

ווער ווייסט ? א, ווער קען וויסן, די פיינפולע אנטפלעקונג,
ווען איינער מעסט באם ראנד פון לעבן, שטום, זיין צ׳על !
א, ווענט, איר תפיסה־ווענט, מיר וואלטן אייך באשוואוירן צו אנטדעקן
די לעצטע רגעס, פון דער לעצטער נאכט, אין תהום פון ביידנס זעל.

איצט בליען רויט בא אונז די נעכט אין שיין פון שווארצן עבר,
און ס׳לייגן זיך ווי שטיינער שווער די טעג אויף דעם געמיט :
נאר ליכטיק ווי א שטערן גייט זייער גורל אויף,
און דערמאנט זייער חבר,
דעם סטאליער פון נצרת, דעם יונג־געקרייצטן איד.

* * *

באסטאן, שטאט היסטארישע, דיין גלאריע ליגט אין שטויב,
און ס׳וויקלען גיפטיק־גרינע שלאנגען איין דיין זאמען :
ביזט גיריק ווי א וואלף וואס האט פארצוקט זיין רויב,
און ווילסט כיטרע ווי א פוקס נאך ריינוואשן דיין נאמען.

ס׳וועט אבער ניט ריינוואשן דיין שאנד, דער וועלנלויף פון יארן.
בראנדיק ברענען וועט דער בראנד־מארק אויף דיין יחוסדיקן־שטערן,
און ס׳וועט פליאטוס דער נאמען זיך שוין פארן —
מיט דער שווארץ־טומאה פון דיין פולערן און טהייערן.

און יעדער וועט א נדר טראגן טיף אין הארץ, אין שטומען :
זאל אונדזער שנאה ניט צושמעלצן זיך ביים בראנד פון דיין חרטה !
און ווי פאר א קלויסטער אלטע אידן, פרומע,
וועלן מיר דריי מאל אויסשפייען פאר דיין נאמען,
ניי־ענגלענדער־גאלגאטא.

# אַ נייע מעשה וועגן די אַלטע צוויי ברידער

„ס׳הייבט זיך אָן די מעשה ווידער.“

— מיט וואָס ?

— „אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער.
איין מאַמעס ברוסט האָט זיי געזויגן.
נאָר דאָס און ניט מער !
ווייל דער —
מיט שטאָלן־גרויע אָדלער־אויגן,
ציט פייל פון בויגן,
און לאָזט זיך גיין מיט בלוטיקן געזאַנג —
אויף יאָגד און פאַנג.
זיין ברוסט
איז ווי אַ פעל פאַרדעקט מיט האָר ווי דערנער־שפּיצן.
ס׳איז תמיד וואַך אים צו באַשיצן —
זיין פוקסן־חכמה, זיין ווייכע צונג, און שפּיציק אויער —
פון יעדנס לויער —
און פון יעדער דראָענדער געפאַר“.

— און דער צווייטער ?

„אין לעבן זיינען זיי זיך שטענדיקע באַגלייטער.
ער פאָלגט נאָך דעם ערשטן מיט אויגן אָפענע נאָר ווי אַ בלינדער,
מיט אַלטן הארץ וואָס יונג איז ווי בא קינדער,
און פאַרבט די ערד, די רונדע,
מיט בלוט פון זיינע וואונדן.

ער איז דער אייביק־קלוגער־נאַר,
וואָס טראָגט אין זיך פון אור־מענטש אָן דעם צער,
פון קין און פון הבל,
פון עשו און פון יעקב,
ביזן גרויען צאָפּ —
אויפן קאָפּ —

פון אייביק־אַלטער־יונגער צייט —
דערציילט מען און מען וועט דערציילן ווידער :
אמאָל —
זיינען —
געווען —
צוויי —
ברידער".

## שבת־נאַכט אין טאַנץ זאַל

אויף בלייכע פּנימער צעלייגן זיך זעקס טריבע לאַסט־טעג
פון גרויער מי און לאַנגווייליקע שטונדן,
נאָר שבת־נאַכט נעמט טרייבן פון די הייזער, האַסטיק —
אַ בלינדע אומרו ווי אַ בייטש אויף וואונדן.

ס'פּאַרהילט די שטאָט א יומטובדיקער אומעט.
שילדן ריידן נאָכאַנאַנד דעם אויג איין פּייערדיקע בשורות —
פון קאַמופלאַזש און אַוואַנטיורעס,
און מציאות נישט געשטויגענע נאָך מערער היינט ווי תמיד.

דער לאַנגווייל רייסט זיך ווי אין אַ שטורעם־נאַכט אַ הונט פון קייט
ווערט היינט יעדן ענג אין רוים פון אייגענע פיר ווענט.
נאָר פריילאַך קלינגען קעשענעס מיט לוין פאַר אַרבעט
און פאַר צייט אכזריותדיק געשענדט.
(דער אור־געֶנוס פון פרייד פון אַרבעט
האָט זיך לאַנג אַדאָ שוין אויסגעוועבט.)
ווי זשאַווער איינגעגעסענער אין הויט
ווײַנט שטויב און קויט —
אויף אַרבעטס־הענט —
ווי שטומע צייכן־וואונדן,
וואָס קיין זייף קען ניט דערוואַשן.

נאָר היינט, אין דערוואַרטונג אויף דעם רו־טאָג, זונטיק,
וואַכט באַ דער אַרבעט־יוגנט אויף אַ לעבנס־שטראָם,
אין אַלע איינגעמידטע גלידער.

די צוקונפט זעט מען דורך דער וואָך ווי אַ שוואַרצן תהום,
איצט האָט אַ פרייד פאַרבאָרגן העל געטאָן אַ שטראַל —
ווי אין די קינדהער־יאָרן, ווידער.
טוט מען אָן וועד ס'האָט אַ נייעם אַנצוג, אַ ניי קליידל, אַ ניי היטל,
און מען לאָזט אַוועק זיך אין טאַנץ־זאַל,
אויף אַ הוליע טאָן און צו פאַרגעסן זיך —
פאַר זיי דאָס צוגענגלאַכסטע מיטל.

— און אין זאַל, אונטער דער שיין פון לעמפּלאַך אַלערליי קאָלירטע,
וויינען שיכטן שמינק און פאַרב אויף מיידל־פּנימער פאַרשמירטע,
ווי בונטע וואונדן —
אויף יונגע יאָרן, צוואַנציקער, פאַראירטע.
ביליק טיול און זיידנצייג אין דיסאָנאַנס קאָלירן
שרייען שטום אַראָפּ פון מיידל־קערפּערס.
ביליק געניי —
(לויט סאַמע לעצטער מאָדע)
פאַרמסרט מיט אַ שטומען פּראָוואָרף־אויסגעשריי —
אָן אומראַפּינירט געשמאַק און וועלן אימיטירן
די רייכע דאַמען פון פינפטער עוועניו און בראָדוויי.

נאָר ווען ס'טוט דער רוף פון בלענדנדיקן מעש אַ שאַל,
וואָס הייבט אָן אַ שאַריוואַרי אויסטרומפּייטן:
שטאַרבט אָפּ די מעלאַנכאָליע פון פּלייטן,
ס'ווערט פאַרטויבט דעם פידלס כליפּען
וואָס מישט זיך אוים מיט טענער פּאָליפאָנישע אין זאַל.
די טאַצן נעמען דזשימדזשען,
לוסטיק הייבט אָן בורטשען דער טראָמבאָן,
ס'פאַרגייט וואויל־יונגיש זיך דער סאַקסאָפאָן,
און ס'פויקט די פויק מיט דונער־קנאַל.
דאָס בלוט טוט פּלוצים רויט אַ שטראַל,
ס'נעמען פים זיך שאַרפן גרייט צום טאַנץ.

שיך נעמען סקריפן.
פון אומרו ווערן אַדערן ווי דראָטן אָנגעצויגן.
ס'פּלעמלט אויף אַ גלאַנץ —
אַ לעבנס־דורשט, אַ ניט־באַפרידיקטער, אין שטומע, מאַטע אויגן,
ס'טויכט אויף פון אָפּגרונט־טיף אַ הונגער־פרייד מיט שרעק —
וואָס האָט פאַר יאָרנלאַנג
די לערע ברוסט פון נויט געזויגן.

דער זאַל איז גרויס,
און פאַרלאַך לאָזן טאַנצן זיך אַוועק —
אין אַ ריי,
מיט אַווירבל־דריי,
ווי שכור!
איינס און צוויי,
צוויי און דריי.
— פאָראויס!
און אויף צוריקער:
אַ פאַל,
אַ בויג,
אַ שטייג.
אַ בויג,
אַ שטייג,
אַ פאַל
פאָראויס.
צוריק.
און אין אַן אויגנבליק:
קרייזט מען טאַנצנדיק שוין נאָכאַמאָל דעם זאַל.
אין אַ ריי.
מיט אַ ווירבל־דריי.
ס'לייזט אויף זיך טאַנצנדיק דער גוף מיט אַלע גלידער.
ס'ווערט דער זאַל אַ טאַנצנדיקער קראַנץ מיט פאַרלאַך לידער.

זואָס ווילן אין דעםווירבל־דריי פּאַרטרינקען:
זעקס גרויע אַרבעטס־טעג מיט זאָרגן,
און אין אַן אָפּגרונט זינקען
ווי בליי אין ים — אויף אייביק,
די ווייסטע שרעק פֿאַר׳ן מאָרגן.

דאָ רויכערט זיך אין לופט
ווי ווייַרוך ביטערער טאַבאַק.
אַ שאַרפֿער דופט —
פֿון ביליקע פּערפֿומען,
אויסגעמישט מיט דעם גערוך פֿון לייביק־שווייס.
ס׳איז הייס.
פֿאַרטריקנט איז דער גומען.
דער גענוס פֿון טאַנץ —
האָט לאַנג זיך שוין אין טאַנצן אויפֿגעלייזט.
באַוועגט אַ ווילן נאָר די מידע קלעצער־פֿיס.
און מען טאַנצט.
דאָס מעש גלאַנצט.
און הייבט אָן פֿון מידקייט, שאַלנדיק, אַליין זיך אייַנצושטילן.
ס׳בורטשעט פֿויל שוין דער טראָמבאָן.
ס׳גענעצט שוין דער סאַקסאָפֿאָן.
איינגעשלאָפֿן זייַנען שוין די טאַצן.
דער פּויקס געבום קלינגט ווי אַ בלאָסער עכאָ פֿון אַ דונער־קנאַל.
העכער הערט זיך שוין דאָס כליפּען פֿון דעם פֿידלס שפּילן.
די פֿלייט האָט זיך צעיאָמערט.
ס׳פּראַלן זיך פֿאַנאַנדער ברייט פֿון זאַל די טירן.
הענט אין הענט — אין פֿינצטערניש געקלאַמערט.
— — — — — — — — — — — — — — — — —

זאַלבעצווייט.
נעמט רעגענען אַ געפּליסטער שטיל פֿון ליבעס־רייד.
און פֿאַרלאַך לאָזן זיך אַהיים מיט שפּעטע, קילע גאַסן.

מ'רעדט, מ'שפּאַסט, מ'שטיפט נאָך אויפן וועג.
מידע גלידער שלינגען רעשטלאַך פרייד,
נאָר אויפן מזרח הימל די באַגינען פּאַסן —
צעקלינגען שוין מיט גרוי,
איבער דעם קאָפּ פון קומענדיקן זונטיק,
די שוואַרצע בשורה פון די וואָכן־טעג.
ס'נעמט לויערן —
דאָס בייזע אויג פון מאָנטיקדיקן מאָרגן.
ס'הויבט אָן צו הויערן —
אַ סטאַדע זאָרגן.

די פרייד פון טאַנץ איז מיט דער נאַכט פאַרשוואונדן,
און ווידער נעמען זיך צעלייגן האַסטיק —
אויף בלייכע פּנימער זעקס טריבע לאַסט־טעג
פון גרויער־מי און לאַנגווייליקע־שטונדן.

# אַלטע שיפֿן אין האַפֿן

מיך פֿון קרייצן שטורעמדיקע ימען,
פֿון ווינט־געפּעכט און לויערדיקע טיפֿן:
אין תּפֿיסהדיקן אַנקער דאָ פֿון צאַמען —
רוען מיך פֿון וואָגל, אַלטע שיפֿן.

מיט זעגלען — ווי אַראָפּגעלאָזטע פֿליגל.
מיט פֿאָנען — פֿונם ווינט — אין לייכטן ציטער.
טאָג און נאַכט פֿאַרטיפֿט אין וואַסער־שפּיגל —
שווימען מעוועס אַרום זיי ווי היטער.

עס זעען זייערע מאַסטן אויס נאָך שלאַנקער
אין האַפֿן־רו באַ ברעגן פֿון די ימען:
עס גילדט דאָ אָפּ די זון זייער שפּיץ נאָך בלאַנקער,
וואו פֿאַראַנקערט שלאָפֿט זייער וואַנדער־רייץ אין צאַמען.

נאָר פֿאַרטרויערט קוקט פֿאַרנאַכט דאָ יעדער קוימען,
צו די הימלען און די הייזער אין דעם טאָל:
ווי קראַנקע אָדלער — בענקענדיק נאָך רוימען,
ווי אַלטע לייט — נאָך גאָלדענעם אַמאָל.

# באַנען אין גאַנג

ס'טראָגט ווינטיק זיך „דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט"
דאָס שטאָל און אייזן אויסגעשמידטע פערד,
און שלינגט איין שטרעקעס ערד וואָס ליגט פאַרוואונדעט
מיט רעלסן־ווירעס בלענדיקער ווי שווערד.

ריטמיש קלאַפּט זיין הארץ דאָס ריזן־כחיקע,
זיין מויל צעקייט די שטיין־קוילן ווי שטויב:
עס פלאַטערט איבער אים אַ פאָן אַ רויכיקע,
און ער יאָגט זיך ווי אַ רויבער נאָך זיין רויב.

איבער ווילדע פּריירים די אָנסופיקע
טרויט ער אָן דעם וועג זיין ווילדן כח,
יאָגט ער אָן אַ דערפל אַ פאַרשלאָפיקע,
לאָזט ער איבער דאָרטן אומרו, רויש און רויך.

זשום און ברום פון טעלעגראַפן דראָטישע
באַגריסן אים פאַרלויפנדיק דעם וועג,
יאָג זיך, טראָג זיך, וואונדער, נס, דו שטאָטישער,
דיין ציל איז דאָך דאָס אייביקע גאַנג.

דיין ציל איז דאָך מיט וואַנדער־דורשט, מיט רייציקן,
מיט אָדלער־פלי דורך נעכט און דורך טעג,
דעם ערד־קוגל צו קרייזן און צו קרייצן,
טראַטאַטאַטאַ! און אוהוהו! — און ווידער אין גאַנג.

## דזשים דער נעגער

דזשים, דו שווארצער ברודער מיינער,
אין גראָבן ארבעטס־העמד פון פּראָסט געוואַנט,
איך טרעף דיך אָפּט —
(עס איז ניט שיין דאָס וואָרט זאָל ווערן דאָ דערמאָנט)
מיט אַ בעזים אין דער האַנט,
מיט פּוץ און שייער,
און כ׳זע: ווי אונטער דיין שווארצער הויט ברענט ווי פייער,
באַליידיגונג און האַס, ווי פּעך און שוועבל,
און קוקסט אויף מיר מיט גרינער קנאה —
ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט אויף זיין פעלדפעבל.

איז דאָס דערפאַר —
ווייל איך גיי אַ העמד און ווייסן קאָלנער אָנגעטאָן,
און זיץ מיט פען אין האַנט, אין אָפּיס אויבנאָן,
און צייל און רעכן גאַנצע טעג,
פאַר הונגער־שכירות פרעמד־פאַרמעג?
אַ דזשים, טו אָפּ דיין געל פאַרדאַכט פון מיין ווייסער הויט,
ווייל צווישן מיר און דיר —
שטייט ווי אַ צאַם דער הויט־קאָליר.
שנייד איין מיין הויט —
וועט ווי פון דיינער שלענגלען זיך אַ שנירל רויט.
און אונטער שוואונג פון רוט און יאָך דעם שווערן —
איז דאָס זאַלץ־וואַסער אין דיינע אויגן —
היים און פייכט ווי מיינע טרערן.

## ציגיינער אויף בראָדוויי

אויף רוישיקע, אויף טומלדיקע גאַסן,
אין דער גרויסער — גרעסטער שטאָט אין וועלט,
האָב איך דערקאָנט צווישן הונדערטערליי ראַסן,
דעם שבט מיט שטויב אויף זיך פון וועלט.

ס׳האָבן מענטשן זיך געצויגן אין די שטראָמען,
ס׳האָט דער שטאָט־רויש זיך געשאָטן ווי א האָגל:
און אויפגעלויכט האָט העל אין מיר א נאָמען,
א סימבאָל פון דורות לאַנגן וואָגל.

אין בליק בלויז אויף ברוין־הויטיקע ציגיינער —
און אין מיין זכרון האָבן אויפגעלעבט באַלד ווידער:
בילדער פון בעסעראַביע, דער היים מיינער,
און פּושקינס ציגיינערישע לידער.

ביז כ׳האָב דערזען ווי דער שטאָטישער רעגל
(מיט הונגער און נויט זיינע וואָפן)
האָט פאַרוואַנדלט זייער וואַנדער אין א זעגל,
וואָס רוט פאַראַנקערט, אָן א מאַסט, אין א האַפן.

וועלקן זייערע יאָרן דאָ, ווי גיפּטיקע זאָמען,
אין קלאַמער פון ווענט און פאַסאַדן:
נאָר פאַר אייער ראָמאַנטישן עבר — אייער נאָמען, —
— מיין ליד אייך, — איר לעצטע נאָמאַדן.

# זונטיק־רו אויף גאַסן

ווי אין אַ חלום ליגן טויט די פּוסטע גאַסן אויסגעצויגן.
די פֿאַבריקן מיט פֿאַרלייגטע הענט און בלינדע אויגן —
געניצן. ס׳דרימלען פֿעסט־פֿאַרשלאָסענע אויף שלעסער קראָמען.
ס׳האָט היינט די אומרו אונטערטעניק אויסגעשטרעקט דער רו די
האַנט —
ערשט איצט, נאָך רוישיקן זעקס טאָגיקן געיעג, אַ שטילשטאַנד,
בלויז שטאָלצע שילדן גרויסן שטום זיך מיט דעם אייגנטימערס נאָמען.

אַ טרויעריקע יום־טוב־רו שוועבט היינט אַרום אין די פֿאַבריקן.
ווי קראַנקע פֿייגל ווײַנען אין די ווינקלען ניט דערגרייכטע גליקן,
אויסגעחלומטע אין מי בײַ די מאַשינען.
היינט ווײַלן זיך אין בעטן מידע קעפּ און מידע גלידער,
נאָר מאָרגן וועט אַהער דער מאָנטיקדיקער רוף זיי ברענגען ווידער —
אין שפּאַן פֿון וואָך, זעקס טעג, איעדן טאָג באַגינען.

היינט ליגן ווי אין חלום טויט די פּוסטע גאַסן אויסגעצויגן.
די פֿאַבריקן מיט פֿאַרלייגטע הענט און בלינדע אויגן —
געניצן. בלויז דער פֿליגל־פֿלאַטער פֿון אַ טויב, אַוואו ניט וואו,
הייבט זיך מיט אַ קערנדל אין מויל פֿון דר׳ערד אויף,
טוט אויס דעם חלום־מאַנטל פֿון דער גאַס און שלאָף,
און רײַסט איבער דאָס זונטיקדיקע זייד־געוועב פֿון דינע פֿעדים־רו.

# לאָמבאַרדן

א.

בלאַנקענדיקע סגלען איבער פענצטער —
זאָגן אָן: דאָ איז אַ לאָמבאַרד.
און די וואָס קומען דאָ משכנות צו פאַרזעצן —
דרייען אום זיך פריער אַהין און צוריק:
ווי שרעקעדיקע פייגל אין אַ נעץ פאַרנאַרט.

זיי כאַפּן דורך דער טיר אַ בליק,
צי ס'איז דער מלוה דאָרט אליין —
און גנבענען זיך שטיל אַהין אריין.
דאַן דריקן זיי מיט שטומען צער און שאַנד —
(צום לעצטן מאָל אַ פינגערל, אַ זייגערל)
און ווי מען געזעגנט זיך מיט אַ נאָענטן פריינט,
וואָס פאָרט אַוועק אויף לאַנג
אין אַ פרעמד און ווייט לאַנד —
גיבן זיי אָפּ דעם משכון שנעל דעם מלוה אין דער האַנט.

דער מלוה נעמט דאָס פאָרזיכטיק און פאַנגט אָן שאַצן —
זיין ביטערע פּנים ווערט מיט אַ געמאַכטן ערנסט שנעל פאַרצויגן:
און ער באַט תמיד אָן די קלענסטע פרייז —
וואָס מערער נויט ער לייענט אין איינעמס אויגן.

ב.

מען גייט אַלעמאָל מיט איילנדיקע טריט
פון אַ לאָמבאַרד אַרוים:
ווי ס'יאָגט זיך שנעל צום ערשטן מאָל
אַ אינגל — פון אַ שאַנד־הויז.

מען מיידט באַקאַנטע אויס,
ס'פאַרפאַלגט, ווי נאָך אַ זינד, אַ שרעק.
אויף אַהיים צוגיין זוכט מען אויס —
דעם שטילסטן הינטער־וועג.

ג.

די פינגערלאך, די זיינגערלאך אין טונקעלן לאמבארד,
ליגן איינגעהילט אין שיכטן שטויב.
זיי האבן אויף זייער אויסלייז־טאג זיך ניט דערוואַרט,
גארן זיי אויף זייער באלעבאס ארויס פון שטויב.

א, צירונג הייליקע פון געבורטס־טעג, פון חתונה־געשאנק,
צי פון שווער־פארהארעוועטע גראשנס אפגעשפארט א יעדן טאג —
וויפל שיכטן שטויב אייך הילן איין,
אזוי פיל טראגט אויך יעדער איינגנטימער שיכטן פיין.

ליגט רואיק דא אין שוי־פענצטער צעשטעלט.
געדולדיק טראגט די לאסט פון צייט און שטויב:
עפעס טליעט זיך — און מיט דעם פלאקער פון דער וועלט —
וועט יעדער קומען מאנען שטאלץ זיין משכון־רויב.

# III

# מענטשן

# שלום עליכם

דיינע העלדן, פּראָסטע פאָלקס־מענטשן געוויינטלאכע,
וואָס נעמען מיט אַ שמייכל אָן די וועלט און לעבן.
כאָטש קיינמאָל הערט ניט אויף אַ טראַגישקייט צו שוועבן
איבער זיי און זייערע מעשים קליינלאכע.

פון כתרילעווקע קיין יעהופּעץ, אויף גאָטס בּאַראָט,
פירסטו מנחם־מענדלען אויף דער גרויסער וועלט אַרוים,
וואו דורך פּיין און דורך שטרויכלענישן וואַקסט ער אוים:
— ביז אומגליקלאַכער פּאַטעטישקייט אַ דאָן קיכאָט.

— און עס לעבט דיין טוביה, און מאַטערט זיך, און פּלאָנט זיך,
און נעמט מכלומרשט אָן מיט שפּאָס זיין מזל שווער פאַר ליב,
זיין גורל הענגט איבער אים ווי אַ הימל גרוי און טריב,
נאָר פרעמד איז טוביהן די מדה פון באַקלאָגן זיך,
און האָט אַ שמייכל גרייט פאַר אָרימען און שוואַכן,
ווייל — „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן“.

# קיטס

גאָט, וויפיל טרויער עס האָט מיט טינט־פלעקן
פאַרזייט דאָס אינגל אין לידער־שורות,
ווען ס'האָט פון אים גענומען שמעקן —
צו אַכצן יאָר מיט שווינדזוכט־בשורות.

מיט וואָס פאַר אַ כח, מיט וואָס פאַר אַ מאַכט,
האָט ער יצעפּראַלט געהיימע ריגלען?
— אַז באַם קראַנקן־בעט האָט טאָג ווי נאַכט
דער טויט געפּאַכט מיט שוואַרצע פליגלען!

מיט גיפט געאָטעמט באַ זיין זייט,
און אים פאַרסמט די יונגע יאָרן.
— וואו האָט ער געפונען צייט —
צו פאַרשניידן זיך אין וועלטס זכרון?

מיט וואָרט, מיט לויטערסטן, זיין שניט, —
האָט רוים און צייט באַזיגט, באַנאַרט!
דאָך קלאַנגט זיין גורל, אין זיין לעצטער ליד: —
“Bright star! would I were steadfast as thou art”—

# וואָלט וויטמאַן

כ'עפן און פאַרמאַך דיין בוך און נעם זיך לייענען ווידער.
און ווי ס'וויגט צום ריטם זיך פון ווינט אַ פעלד מיט רייפע זאַנגען,
וויגט דיין לאַבירינט זיך ריטמיש
צו דעם האַרץ־שלאָג פון דעם אוניווערז און צו די קלאַנגען —
פון דיינע סינקאָפּאַטיש ניט געגראַמטע לידער.

ס'טוט אויף מיר באַם בלעטערן אַ יעדער מאָל דיין בוך אַ וויי —
(ווי זומער־צייט פון פריש־געשניטן היי)
דיין לעבנס־לוסט און גלויבן ליכטיקער פון אייביק יונגע יאָרן.
אין די קעמערלאַך פון מיין זכרון —
וועבט זיך איין דער ריח פון דיינע מענלאַכע שורות.
און ווי הערלאָדן באַפליגלט מיט האָפערדיקע בשורות :
באַרוישט מיך דאָס געזאַנג פון דיינע ווערטער יונג און העל —
גאַלאָפּירנדיק איבער אַלע צעלן פון מיין זעל.

# גאָרקי

פון שמוץ, פון קויט, פון הונגער־ליידנדיקע שיכטן
ביזטו שטאָלץ און מאַכטיק, ווי אַן אָדלער, הויך געשטיגן:
און אַלץ, וואָס ליידט דאָ אויף דער ערד און איז באַשפּיגן,
נעוואָרן איז דיין לעבנס־ציל דאָס אויפצוריכטן.

פון פיין, פון אָרים פאָלק, דורך לאַנגע שווערע יאָרן,
פון זייער טונקל־טיפן צער, פאַר דורות־לאַנג דעם שטומען,
האָסטו מיט שאַרפן בליק די הוילע נאַקעטקייט פאַרנומען,
און ביזט אַן אָנזאָג אויף אַ נייער וועלט געוואָרן.

און אויף דיין וואַנדער־וועג, צופוס, פון וואָלגאַ ברעגן —
איבער דער לענג און ברייט פון מוטער־רוסלאַנדס־ערד,
פון גנבים, וועלכע שניידן אוים די טאַשן,
ביז זונות, לומפּן — אויף די קרומע לעבנס־וועגן —
האָסטו געוועקט און זיי אויפסניי אַ מענטשן־ווערט,
און פאַר דער וועלט האָסטו מיט וואָרט זיי ריינגעוואַשן.

## טשאַרלי טשאַפּלין

ווי אַן אָדלער פּלינק און ווי אַ ריטל בויגיק,
ווי קוועקזילבער איז ווירעוודיק דיין גוף.
דיין בליק איז מילד, פאַרטרויליך און שאַרפאויגיק —
און ענטפערסט אַפ מיט פּיס אין לאַנגע שיך אויף פליגל־רוף.

פּרינץ אין בעטלער, חכם אין נאַר,
געזאַלבטער פריילאַך־מאַכער פונם קינאָ־לאַנד.
ס'איז פאַראַן אין דיר אַזויפיל קלאָגנדיקער צער —
ווען דרייסט זיך אין אַ נעצן־וועלט מיט שטעקעלע אין האַנט.

און ס'איז פאַראַן אין דיר אַזויפיל זינגעוודיקע פרייד,
און לויטערער עקסטאַז אַזויפיל עבטער:
ביזט געקומען און געפאַנגען קינד־און־קייט
אין דיין כשוף־נעץ פון זוניקן געלעכטער.

* * *

ווער ווייסט דעם טרויער פון דעם שטענדיקן לאַ־יוצלח,
דעם פּיין אונטער דער מאַסקע פון זיין שפּיל?
אַ, ארלעקין, דערקלער דעם זין פון דיינע שפּיצלאַך,
דערקלער דעם טרויער פון דיין לוסטיקייט, דיין ציל!

דערציייל פֿון שטענדיקן געראַנגל מיט געפּאַר,
פֿון דיין בטולדיקן־ווידערוויל צו יעדער זיג,
פֿון דיין שלום מיט דער וועלט, און דו, דער נאַר,
וואָס פירסט מיט זיך אליין נאָר אייביק קריג.

אָפּט דוכט מיך אָט טוסטו אוים דיין פּאַנצער פֿונם האַרץ,
און לאָזט דער וועלט, דער אומגערעכטער —
אַ קוק טאָן אויף דיין פינצטערניש אונטערן שטאַרץ,
אויף דיין טרויער — אונטער דער מאַסקע פֿון געלעכטער.

IV

# מיר

## אַ שווייגנדיקער

אַ שווייגנדיקער, שטום, אין צער דעם קאָפּ געבויגן —
פֿלעג איך נאָך דיר ווי אַ שאָטן שטילערהייט:
איך ווייס, דו לייענסט אין בליק פֿון מיינע שטומע, בעטנדיקע אויגן —
מיין טיפֿן טרויער,
מיין אָנגעווייטיקט האַרץ,
מיין פֿלאַם אין האַרץ וואָס לויכט מיר אויף מיין טונקעלן לעבנס־וועג —
מיט אַלע העלע פֿאַרבן פֿון אַ רעגנבויגן
און ווערט ניט אויסגעלייזט אין קלאַנג פֿון צאַרטע רייד.

# קען זיין

װי אַ שטאָלצע אָדלערין,
מיט ברייט צעשפּרייטע פליגל,
האָסטו אומגעריכט אַראָפּגעלאָזט זיך —
אויף די האָריזאָנטן פון מיין לעבן.
(קען זיין —
אַז איך בין בלויז אַ פעלז
אויף װעלכן דו כאַפּסט דעם אָטעם אָפּ
פאַר װייטערדיקן פליען,)
אָבער דורך די טויערן פון מיינע אויגן
ביזטו ליכט אריינגעפלויגן,
און באַלד פאַרנומען דעם מזרח — אין מיין האַרץ.

## ווי ים שוים

ווי ים שוים קושט דעם ברעג פון ים,
גלעטן דיינע קילע הענט מיין שטערן ;
קוש אוים אין מיינע אויגן ברוינעם סם,
קוואלן פון נישט אויסגעוויינטע טרערן.

ווי קריך־פלאַנצן ארום א חרוב הויז,
וואָס צירט זיך אין זיין גרינער אויסגעפוצטקייט,
שפרייט איבער מיר דיין אָטעם פון געגאָד אוים
און ריכט מיך אויף מיט טריפנדיקער גוטסקייט.

ווי ס׳טריפט א בוים מיט פערלטוי באַגינען,
אויף ערד, אויף דורשטיקער וואָס לעכצט נאָך רעגן :
ביז אָנהייבן וועט פרילינגדיק צו גרינען —
א שפע׳דיקע גאָב אויף מיינע וועגן.

ביז אָנהייבן וועט פליסנדיק צו העלן
דאָס איינגעצוימטע בלוט אין מיינע גלידער.
ביז טיף אין האַרץ בא מיר וועט נעמען קוועלן —
א פרייד, א לויטערע, מיט רויש פון לידער.

# מאָדנע

מאָדנע, וואָס אין לעבן קען אמאָל געשען !
אָט האָב איך זיך אין דיר פאַרליבט באַם ערשטן מאָל דיך זען,
ווי ס'האָט קיין מאַן אין לעבן דיך נאָך ליב געהאַט,
און ס'קען מיין אויג אויף דיר זיט דאַן ניט אָנקוקן זיך זאַט.
וואָס מער !
איך, וואָס האָב פאַר יחוס בטול בלויז און שפּאָט,
און האָב מיט אייגן באַלעבאַטיש בלוט און פלייש ניט קיין פאַרקער,
— ווייל ס'איז מיין וועג דאָך ניט זייער וועג פון לייט און גאָט.
אַז כ'וואָג (אַ חוצפּה — זאָגן זיי.) פאַר רייכע לייט גאָר האָבן האַס !
און כ'פאָדער יושר גאָר, און שטעל זיך איין אין קאָן פאַר די,
וואָס טויגן צו קיין זאַך ניט אויף דער וועלט, אַ חוץ צו שווערער מי,
און דאַרפן דאַנקבאַר זיין גאָר די —
וואָס געבן אַרבעט זיי און שפּייזן זיי ווי פערד,
אַז ניט איז אַן עבירה —
וואָס עס טראָגט אַזוינע גאָר אַרום אויף זיך די ערד !

איך חבר זיך מיט יעדן אויסוואורף אויף דער גאַס,
און כ'גרויס זיך גאָר מיט אַרבעט־הענט פאַרהאַרטעוועט און שווער.
און דאָך קענסטו בלויז מיט אַ בליק איינשטילן אָפּט מיין כעס,
און ווי אַ קליין קינד קענסטו גרינג מיך מאַכן לאָזן אָפּט אַ טרער.
איך האָב קיין זאַך, ווייל ווי דער צלם איז מיר אייגענטום אויך פרעמד!
מיין פאַרמעגן ? — אַ פּאָר הויזן צו צודעקן זיך די שאַנד,
און אויף מיין לייב פון פשוט ציץ אַ גראָבע, ווייסע העמד.

און כ׳מאַך זיך יום־טוב יעדן טאָג און גיי אום פּוסט און פּאַס,
פאַרגינען מיט קיין שמייכל מיר דאָס פריינט און פיינט מיט האַס,
נאָר איך מאַך זיך פון ביידן בלויז אַ שפּאַס,
און לעב מיין לעבן זיך און טו אַלצדינג וואָס מיר געפעלט!
נאָר מאָדנע, אַז אַזאַ זאָל ווי אַ קינד פאַר דיר אַראָפּלאָזן דעם
קאָפּ פאַרשעמט,
ווען כ׳ריר מיט מיינע ליפּן אָן די צאַרטע פינגערלאַך פון דיינע
בלייכע הענט,
וואָס כ׳וואָלט ווי שוועבעלאַך צוברעכן לייכט געקענט!
און אויפגערייצט ווער איך פון יעדן מינדסטן זוימען־רויש
פון דיינס אַ קלייד,
ווי אויף דער וואַך, אַ בייזער הונט, פון פרעמדע טריט, ווען עמיץ גייט,
און ס׳ציט מיך אַזאַ צויבער צו דיין לייב פאַרהילט מיט דינעם זייד,
ווי עס ציט אַ האַלב פאַרפרוירענעם צום ליכטיק פייערל פון ווייט —
וואָס ער האָט פּלוצים אויף זיין וואַנדער־וועג דערזען.
מאָדנע, וואָס אין לעבן קען אַמאָל געשען!

## ווי טויבן צוויי

ס'פֿאַרשכורט מיך
דער ריח פֿון דיין יונגן אָטעם.
יעדער לייכטער באַריר פֿון מיינע ליפּן
אָן דער זיידענער הויט

פֿון דיין פּנים,
ציטערט אויף מיינע נאָזלעכער.
עס רייצט מיך די נאַכטיקע קילקייט
וואָס ווייעט פֿון טייך פֿון דיינע האָר.

אין בלינדן אויפֿרעג —
פֿלאַטערן פֿאַרצוקטע מיינע הענט
אַרום דעם שמעקעדיקן פֿייער פֿון דיין לייב,
ביז זיי בלייבן איינגעמידטע ליגן —
און דרימלען איין ווי טויבן צוויי —
אויף דיינע בריסט.

## ווי אַ שוואַרצער זייל

מיט ווינט און רעגן
האָט די נאַכט מיך אויפגענומען —
ווען איך האָב דיין הויז פאַרלאָזט.
ווי אַ גרויער הויך —
איז אַ נעפּל איבער אַלץ געהאַנגען.

די שטאָטיקע רויש־מיל
האָט פאַרענדיקט מאָלן
לעצטע גרילצנדיקע קערנער־רויש,
און איינגעדרימלט האָט דער שטאָט־ריז
קאָרטשנדיק זיך אין די אָרעמס פון דער נאַכט.
די פייכטקייט פון דעם רעגן
האָט דורכגענומען מיין הייס געמיט,
און איינגעצוימט דאָס הייס געלויף
פון מיין אויפגערעגט בלוט.
ווי דיין קילע מיידל־האַנט
האָט דער ווינט געצערטלט ליב מיין שטערן
וואָס האָט זיך דורך די נאַכט־שעהן
אויף דיין האַלדז געברענט.
אין געהאַנק —
האָט ווי אַ שאָטן שטיל
דיין גוטסקייט מיט באַלייט,
און איך האָב שפּאַנענדיק אַהיים
ווי אַ שוואַרצער זייל —
געשניטן גרויע פאַסן־נאַכט.

# קילע טייכלאַך

דיינע אויגן זיינען קילע טייכלאַך
אין וועמענס וואַסערן —
עס טובלט זיך מיין פייער־האַרץ
און ווערט צוביסלאַכווייז
— פון קעלט אין דיינע בליקן
אַ שטיק פאַרפרוירן אייז.

## מיט מויל פאַרשלאָסענעם

ווי ווילד בין איך אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעלאָפן —
ווייל ס'האָבן מיך, ווי שטיינער
דיינע רייד אין האַרץ געטראָפן.
און ווי מיט ווינט און פייער —
איז אַוועק דאָס האָב־און־גוטס פון שייער,
וואו כ'בין יאָרן לאַנג געווען אַ פרומער היטער.

אין טיפן צער האָב איך געבלאָנדזשעט איינגעבויגן,
מיט מויל פאַרשלאָסענעם,
מיט שאַרפן ציטער,
און ס'האָט אַ הייסער טוי געטריפט פון מיינע אויגן.
נאָר טויב געווען איז די נאַכט,
שטום און גלייכגילטיק די שטערן,
און ווי תמיד פאַרטיק די אייביק־שווייגנדיקע רוימען.
נאָר ווען כ'האָב דערהערט, ווי ס'האָט מיין מויל דערמאָנט דיין נאָמען,
און שעלטן גרייט געווען דיך גערן —
האָב איך ביז בלוט די ליפּן מיינע איינגעביסן,
און כ'האָב פון כעס —
די צונג פון מויל זיך שיער אַרויסגעריסן.

# אין טעג

אין טעג ווען כ׳בין פון דיר דערווייטערט,
ווי א מאָרגן שטערן פון דער ערד:
גייט אויף אין מיר דורך פיין געלייטערט —
א בענקשאפט ווי א שארפע שווערד.

און ווי אויף שפיץ פון מאסט א פאָן,
וואָס פלאטערט אויפן ים פון ווינט,
ווייזט צו דיר דעם וועג מיר אָן —
מיין בענקשאפט פירנדיק מיך בלינד.

נאָר ביז ס׳ברענט אוים א טאָג, א יונגער,
און הייבט אָן אין מזרח זייט צו צאנקען,
גרייך איך דיך מיט שפיצן־פינגער —
פון מיינע רולאָזע געדאנקען.

# דיין נאָמען

דיין נאָמען דערמאָנט מיך אָן פריי־גרינע פעלדער אין פרילינג,
אָן שלאַנק־הויכע זאַנגען,
אָן בלימלאַך באַגאָסן מיט זונשיין,
אָן טיף בלויען הימל, אָן וואָלקענדלאַך העלע וואָס בלאַנקען —
פונקט ווי באַ מיר אינם מח געדאַנקען,
וואָס טראָגן זיך שנעלער פון ווינט, ווייט צו דיר, מיין געליבטע,
צום טייכל צום שטילן, צום דערפל, וואו דו וואוינסט,
און ס׳פאַרפאָלגט דיין געשטאַלט נאָכאַנאַנד מיך באַטאָג באַ דער אַרבעט,
און מורמלענדיק שלאָף איך באַנאַכט איין:
קאַרינאַ, קאַ־רינאַ, קאַ־רי־נאַ.

# אַ טאָג

## באַגינען

בלאַסע זילבער פּאַסן פון לבנה שיין שניידן דורך
די געדיכטע צווייגן פון קאַשטאַנען בוימער פאַר מיין הויז,
און פאַרטרויען מיר: עס גרויט שוין דער פרימאָרגן.
אַן אומרואיקער,
וואַרף איך זיך פון זייט צו זייט אויף מיין געלעגער.
ביזט היינט נישטאָ מיט מיר,
און ס'מאָנען דיך באַ מיר אויף שטום־לשון די ווענט,
און אָן מיין ווילן שטרעקן אין דער פינצטערניש זיך בלינדע
מיינע הענט,
און זוכן דיך אומזיסט אַרום.
און עס בענקט מיין שניי־ווייס נאַכט־געלעגער —
צוזאַמען מיט מיין אינגלש־האַרץ נאָך דיר.

## אינדערפרי

קאַפע־ווייטיק,
טריבע־ספקות,
גרויער־נעפל.
אַ שטילער קלאַפּ פון הויז־פרוי אין דער טיר,
אַ מורמל שטיל: אַ בריוו פאַר אייך הער ג.
אימפּעטיקע אויפרעגונג,
ווירבלדיקע אומעגדולד.
אַ ריס דעם זיגל,

א בלענד פון שווארצע טינטפלעקן אויף ווייס פאפיר,
איך לייען:
„כ'וועל היינט שוין זיבער קומען,
ווארט אויף מיר פארנאכט באם באן".
ווי דורך א כשוף ווערט דער נעפל באלד צעשוואומען,
און פאר די אויגן מיינע —
צעשפרייט און שפרייט זיך אויס א ליכטיקייט פון פרייד!

## באטאג

כ'האב לייענען וואס געפרואווט און ניט געקענט.
(צו אומרואיק געווען איז מיין געדאנק)
און שרייבן האט מיין הארץ פארווערט מיין האנט
(די פען, ווי ס'מויל, פארשוועכט אמאל די ליכטיק־ווייסע פרייד)
ביז איך מיר מיט מיין אומרו צו דעם ים אוועק,
און לאנג ארומשפאצירט באם זאמדיק־קלארן ברעג,
און כ'האב געטראכט... פון אלץ האב איך געטראכט —
נאר תמיד האט צוריק צו דיר מיך מיין געדאנק געבראכט.

## פארנאכט

א ווילד־צעטומלטער דריי איך זיך איצט ארום דא
בא דער סטאנציע פון באן,
און ס'צוקן מיינע גלידער איצט פון אומגעדולד,
און פונקט ווי בא א וואך־הונט אויף דער וואך —
איז איצטער אנגעשטרענגט מיין שארפער בליק,
און מיין געהער איז אנגעשפיצט —
איך זאל פון וויטן נאך פארנעמען די בשורה —
דאס גערויש פון אנקומענדען צוג פון מעריב־זייט.
מיט פרייד אזא האט אויך געמוזט די בשורה, נח, אויפנעמען,
ווען ס'האט די טויב אים צוריק געבראכט אין מויל —
דאס ערשטע בלעטל.

## פרי־האַרבסט

עס איז שוין פרי האַרבסט איצט, און איבער שטאָט און פעלד
האָט האַרבסט די טרויער־פאָנען זיינע שוין צעשפּרייט:
די בלעטער זיינען בלוטיק־רויט און גאָלד־פאַרגעלט,
די מוטער־ערד — אַ קימפּעטאָרן — רויט פול פרייד...

באַנאַכט גייט אויף אַ גרויער נעפּל אויפן וועג,
און הילט די ערד אין גרויקייט און אין טרויער איין:
די נעכט זיי ווערן לאַנג און קירצער אַלץ די טעג —
סוף זומער קילע טעג, פול טרויער און פול פּיין...

דאָך האָב איך ליב אַזוי אין קילע פרי־האַרבסט־טעג,
אין נעפּל־גרויע נעכט, אין מאָרגנס קאַלט און פייכט
פאַרנעמען דאָס געוויין, דאָס שטילע האַרבסט געזאַנג,
אין שאָרך פון גאָלד־בלעטער וואָס ליגן אויף מיין וועג,
אין טרויער פון דעם נעפּל קרייזלענדיק זיך לייכט,
ווי מיינע טעג און נעכט אָן דיר וואָס שטאַרבן קראַנק...

## זון און בריוו

אָ, שפּעטדיקער הארבסט פון גאָלדיק־גרינעם זומער,
רויט־שפּרודלדיק געזאַנג אין הויט אוןביין געפּעס,
אַ באַלאָדענער, מיט ווערטער ווי אַ בוים אַ שטומער,
בליט אַצינד מיין בענקשאַפט ווי שמעקעוודיקער בעז.

כ'האָב ליב דעם וואַנדער־רייז, פון דערפער און פון שטעט,
נאָך יאָרן לאַנג אין קלאַמער און גרעניץ פון איין אָרט:
דאָס בייטן יעדע נאַכט אין פרעמדן הויז דאָס בעט —
דעם צער פון עלנט־טעג ניט ריידנדיק קיין וואָרט.

נאָר היינט איז אויפגעגאַנגען אין מיר מיט שטערן־שיין,
אין קילער מיטן־נאַכט, אין סודותדיקער פרעמד:
העלע טעג מיט פריינט און רייד ווי אַלטער וויין —
מיט דער וואָס איז מיר נענטער ווי צום לייב דאָס העמד.

האָב איך ווי צווייגן צוויי שטיל אויסגעשטרעקט די הענט,
אין שפּעטער מיטן־נאַכט, אין ליבן, פרעמדן הויז:
האָבן זיך צערוקט אין הויז די שטומע ווענט,
און מיט די הענט צוגרייכן — די וועלט אין גאָר איר גרויס.

און ס'האָט מיט מיר געוואַכט מיין בענקשאַפט אין געזאַנג,
די קורצע, לאַנגע נאַכט, די לאַנגע, קורצע נאַכט,
ביז אויפגעגאַנגען איז דער מאָרגן ווי אַן ערלאַכער געדאַנק —
און דער טאָג האָט מיר די זון און דיין בריוו אַהער געבראַכט.

## די פרייד פון ברויט און זאַלץ

די פרייד פון ברויט מיט זאַלץ, די שמועסן באַם עסן
צוזאַמען בא איין טיש פאַרטרינקענדיק מיט וויין,
די ליבעס בליקן שטום דאָס אַלץ ווערט ניט פאַרגעסן,
דאָס קריצט זיך אין זכרון טיף אויף אייביק איין.

דאַן שוועבן ווערטער לייכט ווי פייגעלאך, פון מויל,
קוים־קוים עס הערט זיך שטיל אַ פליטער־פלאַטער קלאַנג.
דאַן מאַכט ניט וואָס מען זאָגט, ס'איז גוט אזוי און וואויל,
ווען ס'מורמלען הערצער צוויי א שטום געבעט געזאַנג:

געבענטשט זאָל זיין דער טאָג, געבענטשט זאָל זיין די שעה,
די לעבנס־וועגן קרום געשלענגלט ווי אַ שלאַנג,
וואָס האָבן זיך געקרייצט און בלייבן אומצעשיידט:
עס איז אונדזער לעבן דאָך בלינד און קורץ אדאָ,
זאָל זיין דאָס ברויט מיט זאַלץ, זאָל זיין דער וויין־געטראַנק,
די ליבע־בליקן שטום געבענטשט אונדז לאַנג מיט פרייד.

# געבענטשט זאָל זיין די רגע

געבענטשט זאָל זיין די רגע, דער פּלוצלונגער קאַפּריז,
וואָס האָט מיך אומגעריכט געבראַכט אויף דיינע וועגן!
כ'האָב זיך געוואָלט אָנבייגן און קושן זיך די פיס —
ווען איך האָב דיך פון ווייטנס דערזען מיר גיין אַנטקעגן.

דיין רויטע, רונדע הוט, מיין העל־בלוטנדיקע וואונד,
האָט מיך באַגריסט פון ווייטנס מיט א וואונק א שטומען:
און גוט איז מיר געוואָרן, אַזוי־אַ פּילט א הונט,
ווען ער דערזעט זיין האַר נאָך לאַנגען אָפּשייד קומען.

בלויז איינמאָל מער דיך זען, בלויז איינמאָל אויף דיר קוקן,
און באַלד אין וועג אריין א שטומער דיך באַלייטן,
קען זיין „דאָס לעצטע מאָל" האָב איך געשלונגען טרערן,
פון ווייטיק האָט מיין יעדער גליד גענומען צוקן,
— ווי קומט צו מיר אַזוי פיל פיין גאָר פאַר א צווייטן?
גליק מיין, אומגליק מיין, וואָס וועסט קיינמאָל מיר געהערן.

## אין דער פּרעמד

ניִשט זיין מיט דיר, מיינט נאָך ניט זיין מיט דיר צעשיידט,
ווי ס׳מיינט נאָך ניט מיט וועמען זיין — צוזאַמען זיין.
אָט האָט די נאַכט מיר היינט דאָ אָנגעבאָטן פרייד,
און ס׳האָבן גלעזער דאָ געשוימט מיט איבער־פלוס פון וויין.

ס׳האָט מיך אָפּט אַ צי געטאָן צום טאַנץ אַ פרויען־האַנט,
און אונטערטעניק מיר ארייַנגעקוקט גלייך אין די אויגן.
— דער קאָפּ... האָב איך באַקלאָגט זיך, און ריטערלאך־גאַלאַנט
אַנטשולדיקט זיך פאַר איר און זיך פאַרבויגן.

און כ׳געדענק ניט ווי שפּעט איך האָב פאַרבראַכט דאָרטן אין הויז.
איך געדענק נאָר אין מזרח־זייט דעם מאָרגן־שטערן פאַרגיין.
און כ׳ווייס ניט צי כ׳האָב דאָס אויף דער וואָר געזען, צי אין חלום בלויז:
ווי צווישן מענטשן פיל ביזטו ווי איך געווען די נאַכט אליין.

## ווי פייער פונקען

ווי פייער פונקען טרעפן דיינע בליקן
אין דעם שייער פון מיין הארץ
און פארצערן מיין האָב־און־גוטס.

פרעמדע צינגער
צעקלינגען שוין ווי פייער־גלעקער געפאר־סיגנאלן
פון קומענדיקער שרפה.

פאר זייערע וואָרנונגען
שטעל איך צוויי טויבע אויערן אונטער.
מיינע גיטער — לאָז איך אויף הפקר.

אָבער דו, וועסט ווי נעראָ
אויף אַ פייפל אויספייפן דיין ליד פון גלייכגילט
צוזעענדיק ווי עס ווערט מיין רוים פארצערט אין פלאמען?

# באַגעגעניש

די פאַרגאַנגענהייט האָט היינט אויף מיר א ווײ געטאָן
מיט דעם אָטעם פון גאָלדיקן אַמאָל.
ווי כ'האָב דיך נאָר דערזען,
איז די פאַרפרעמדקייט צווישן מיר און דיר
(דורך יאָרנלאַנג צעשיידט זיין)
פאַרשוואונדן ווי א לייכטער נעפּל,
ווען די זון גייט אויף.
מיין האַרץ האָט פאַר פרייד געטאָן א לייכטן ציטער
ווי עס ציטערט אויף א בלעטל
פון קילן ווינטס באַריר.
און עס האָט דיך מיין באַגער געקושט שטיל אין געדאַנק.

ווי א וואַנט איז אָבער אויסגעוואָקסן
באַלד די געגנוואַרט צווישן מיר און דיר.
טויזנטער געפאַרן פון „מטאַרניטן"
האָבן נאָכאַנאַנד געהויערט איבער אונדז,
און פאַרפאָלגט דעם גאָלדיקן אַמאָל
וואָס האָט געטרונקען זיך אין רויטע תהומען צווייפל.

א האַרבסטיקע פייכטקייט האָט א בלאָז געטאָן,
און עס האָבן זיך גענומען לעשן אין מיין בלוט
די רעגונגען פון מיין באַגער,
ווי עס לעשן זיך באַגינען אויס אין הימל מאָרגנשטערן.
די איינגעדרימלטע פאַרפרעמדקייט
איז ווידער אויסגעוואָקסן ווי א וואַנט צווישן מיר און דיר.
א גרויער וואָלקן פון גלייכגילט —
האָט מיין האַרץ אויפסניי פאַרצויגן.

# בריוו

ס'איז דאָ אַ פרייד וואָס קוועלט אַרויס פון בריוו,
ווי ס'לויכט אַ שיין פון פרייד אין גליקזעליקע אויגן —
ווען זיי קושן אומבאַרירט אַ יעדער אות — ווי אַ היראָגליף,
ווי אַ העלן צייכן — פון אַ לאַנג דערוואַרטן רעגנבויגן,
וואָס נערט דאָס האַרץ מיט פרייד שטיל ווי אַ מיף,
וואָס קינדער הערן פאַרן שלאָף מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

ס'איז דאָ אַ צער וואָס וויינט אַרויס פון בריוו,
ווי ס'קלאָגט אַ פאַרגעפיל פון קומענדער אַנטוישונג.
ווען יעדער שורה טינט איז נאַכטיק־שוואַרץ און טיף,
ווען ווערטער רוישן מיט דעם רויש פון נאָך־באַרוישונג.
און ווי די אומעט־שפּראַך אויף שויבן, אין אַ רעגנטריף,
טריפן ווערטער, טראָפּנס־סמ'יקע־אַנטוישונג.

איין האַנט האָט אָפּט געשריבןביידע בריוו.
צווישן איינעם און דעם צווייטן די פאַרענדערקע, די צייט, —
האָט אויסגעבויערט און דורכגעגראָבן אַן אָפּגרונט טיף.
ווי נעפּלען האָבן טעג און נעכט פאַרהילט די ווייט,
און די צוקונפט איז געוואָרן — אַ זינקענדיקע שיף,
וואָס ס'האָט מיט שוים פאַרשלונגען די פאַרענדערקע, די צייט.

# אין רו פון ווענט

יעדער טאָג, ווי אַ בייזער פּיראַט,
בארויבט אונדז פון בלענדיקער שיין:
און שוואַרץ ווי אַ פריינטס אַ פּאַראַט —
ליגט די פרייד דאָ אין אָרעמס פון פּיין.

עס קרייציקט אַ נעץ און פארשווענדט
אונדזער יעדן באַגער און מיראַזש;
אונדזער מי — איז דאָס פייער וואָס ברענט,
אונדזער צייט — איז דאָס גרוילאַכע אַש.

נאָר ווען די נאַכט, ווי אַ פרידלאַכע טויב,
צעשפּרייט אירע פליגל אין פלי,
שטעלט אָפּ זיך דער טאָגיקער רויב —
אויף צייט, און אויף פרייד און אויף מי.

דאַן ברענגט מיך אין רו פון פיר ווענט —
דער פייערדיק־נאַכטלאַכער שימער:
וואו דו נעמסט אויף מיט תפילהקע הענט —
די נאַכט און מיך אין דיין צימער.

וואו ס'שפּרייט אוים אַלעמפּל אַ שיין —
אויף דיר, און אויף מיר, און אויף ווענט:
וואו דורשטיקע טרינקען מיר וויין —
פון ווערטער און צערטלענדע הענט.

# װענט

ליכטיקע, לױטערע אָװנטן,
אומרו געצױמט אין פיר װענט:
כ'האָב פאַר דײַן פלאַטער, דײַן נאָענטן —
זאָרגלאָזן נאַכט־רױש פאַרברענט.

כ'האָב טעג אין אַן אָפּענער תּפֿיסה,
קײטן — פאַרצװײַגן אױף הענט.
אױפּבלי — דורך פײַנלאַכקײט זיסער,
רױמען — אין גרעניץ פון װענט.

איצט נעמען זיך ליכטיקער מישן —
שותּפֿותע פרײַדן און סם.
װי פינגער באַריר מיט קלאַװישן —
שפּילט מיט מײַן בלוט זיך דײַן פלאַם.

ביז טונקעלע מידקײט, װי שיפֿן,
נעמט זעגלען דער חושך אָן־סוף,
און די מיטנאַכט הײבט אָן אױף אונדז טריפֿן:
רו און חלומות, און שלאָף.

## ס׳האָט גאָט

ס׳האָט גאָט געשענקט מיר:
הענט אַפּאָר ווי האַמערס שווערע,
פּלייצעס ברייט און פעסט —
טראָג איך גוטמוטיק זיין לאַסט פון לעבנסיאָך,
ווי ס׳טראָגט אַ העלפאַנט אויף זיין ריזן־קאַרק אַ פליג,
און איך בענטש אים יעדן טאָג דערפאַר.

האָט אָבער אויך אַ קינדיש האַרץ
געשענקט מיך גאָט:
וואָס ציטערט ווי אַ האַרפע אויף
פון יעדן לייכטן ווינט־באַריר,
און ס׳ווערט פון יעדער שיינער פרוים אַ בליק
געפאַנגען אין אַ ליבע־נעץ,
וואו ס׳צאַפּלט ווי אַ פייגעלע זיך הילפלאָז —
און איך בענטש אים צען מאָל יעדן טאָג דערפאַר.

# V

# וועגן

# וועגן

וועגן און וועגן, און וועגן,
און אומעטום שטרויכל און צער:
ווי טייכן־פּאַרפּלייִץ מיט די ברעגן —
שפּילט זיך מיין זעל מיט געפּאַר.

שפּיל זיך, מיין זעל, אונז אַנטקעגן —
די נאַכט קומט און דעקט אונז באַלד צו:
וועגן און וועגן, און וועגן,
קיין איינער וועט פירן צו רו.

# באַם ים

א בלויזלאַכע. אין נעפּל איינגעהילט האָט זיך א מילדע נאַכט
איבער דעם ים־געגנט פאַרשפּרייט.
עס האָבן שטערן העל אין הימל הויך געלויכטן, א ווינטל האָט געווייעט,
דער עולם איז אַלץ ווייניקער און ווייניקער געוואָרן, באַ דעם ברעג
פון ים צעזייט,
בלויז וואו־ניט־וואו האָט זיך א פאָרל א פאַרליבטס געשפּילט אין
זאַמד, ווי קינדער קליינערהייט.
און ווען ניט ווען האָט זיך א זעגל־שיף, פון ווינט געטריבן, שנעל
פאַרבייגעשיפט,
און ס'האָט פון וייטן אָפּגעקלונגען א געלעכטער הויך פון חברה יונג,
וואָס לאַכט און שטיפט,
און טאַנצט, און זינגט, און ווייסט ניט פון קיין זאָרג, און ווייסט
ניט פון קיין פּיין,
און איז פון יוגנט־לוסט, פון פרישער־לופט, און ים־גערוך
פאַרשכורט ווי פון ווייַן.
ס'האָט אָפטמאָל זיך פאַרבייגעשיפט א פישער אויפן פיש־געפאַנג,
א ווייטער קלויסטער האָט צו נאַכט־געבעט גערופן, מיט א מאָנאָטאָנעם
גלין־גלאָן־קלאַנג.
ס'האָט נאָענט דערביי געגרילצט א גריל,
און איבערן הימל האָט זיך ארומגעשיפט א בלאַסע די לבנה שטיל,
און ווי א יונגע פרוי קאָקעטיש נאָכאַנאַנד אין ים וואַסער באַקוקט
איר פּנים שיין.
און אויף א פעלזן־שפּיץ ניט ווייט פון ברעג אין ים בין איך געלעגן
אויסגעצויגן אין דער הויך אליין.

און צוגעזען ווי נאכאנאנד עס ברויזט דער ים, ווי אומרואיק
ער טרייבט א וועל נאך וועל צום ברעג,
ווי זיי צעשלאגן זיך אן פעלזן־שטיין, און ס'קומען אנדערע באלד אן
און כ'האב געזוכט אין דעם א צוועק,
נאך וואס? און צוליב וואס? און ווער? און ביז ווי לאנג?
און ווי דער ים האט אויך גענומען רעגן זיך אן אומרואיקער אין
מיין מוח דער געדאנק:
דאס לעבן דויערט קורץ, ליבע איז פארגענגלאך, שטאלץ איז פוסט
און רום האט ניט קיין ווערט,
ס'איז גליק פאראן אין לעבן אזוי ווייניק און ליידן אזוי פיל,
און ווער ווייסט וואס איז נאכן לעבן ערשט באשערט?
נאך וואס? און צוליב וואס? און ווער?
אומזיסט, איך האב קיין ענטפער ניט געקראגן!
עס איז אזוי פארביי א שעה נאך א שעה, אין מזרח זייט האט
גרוי גענומען טאגן,
און מיט א בלענדענדיקער זון און שטראלן גאלד האט זיך א נייער
זומער טאג צעלאכט.
אין די שטיבלאך בא דעם ים, האבן באלד פון שלאף די מענטשן
אויפגעוואכט,
און איינציקווייז און פארלאכוויז, ווי נעכטן און ווי אלע הייסע
זומער־טעג באם ברעג פון ים צעזייט,
זיינען זיי געקומען דארט זיך באדן, דעם ים־גערוך געניסן,
נאר אן אויסגעמאטערטער פון שארפן פיין, פון טריבע ספקות
[redacted]
בין איך א שטומער לאנג, נאך לאנג אזוי געלעגן,
מיין ברודער־פעלז אין ים, האט א פארכמורעטער קאן זיין, ווי איך,
געטראכט דאסזעלבע, און שטום ווי איך געשוויגן...

## ערד

אָ שטומע מאמע־ערד,
עס הענגט איבער מיר אין מיטן בלי פון יאָרן —
ווי אַ שאַרפע שווערד
די שרעק פאַרן טויט,
און רויבט בא מיר דעם שלאָף און רויבט בא מיר די רו,
כאָטש ווייסן ווייס איך גוט, אָ מוטער־ערד,
אַז ערגיץ וואו פאַרענדיקט זיך דער לענגסטער וועג,
און עס מוז דער ברייטסטער ים דאָך האָבן וואו אַ ברעג,
וואָס צאַמט און שטעלט דעם לויף פון זיינע כוואַליעס אָפּ.
נאָר מוטער־ערד ווען איך בויג אַראָפּ מיין קאָפּ —
און זע:
ווי עס באַהעפטן נאָכאַנאַנד זיך מיינע פיס מיט דיר,
און ווי איך קוש דיך נאָכאַנאַנד מיט מיינע טריט,
בליט אויף אין האַרץ בא מיר אַ ליבשאַפט ווי אַ ליד,
פאַר מיין יעדער רגע לעבן וואָס פאַרשווינדט
און מישט זיך ווי אַ טראָפּן וואַסער אויס אין טייך פון צייט,
און קערט זיך קיינמאָל שוין צוריק.
ווערט פייכט מיין בליק,
ווערט אָפּגעססט מיין לעבנס־פרייד,
כאָטש ווייסן ווייס איך גוט —
אַז אַלץ פאַרגענגלאַך איז ווי רויך, ווי ווינט,
און דו אַליין ביזט בלויז פון אַלע צייטן און פאַר אַלע צייטן —
יעדן איינעמס ערשטע און לעצטע וויג.

איך ווייס עס לייטערט זיך די פיין
און עס געדויערט ניט די פרייד,
און דו אליין בלויז שטומע מאמע־ערד,
מאכסט קיינמאל ניט קיין אונטערשייד —
פון גרעסטן חכם ביז צום גרעסטן נאר,
פון שקלאף ביז האר,
פון ארים ביז צו רייך —
שענקסטו אונדז אלעמען גלייך, רו,
און שלינגסט אונדז אלעמען איין גלייך.

א גוטע מאמע־ערד, איך ווייס דאס אלץ,
און דאך פארלאנג איך רום און פרייד,
און כ׳וויל ניט זינקען אומבאמערקט אויף אייביק —
אין אפגרונט פון פארגעסנהייט!
איך וויל ניט זיין א שמעטערלינג —
וואס טאנצט זיין לעבן ארום א פייער — אין א רגע אוים!
א מאמע־ערד, איך ווער פארצערט פון דראנג —
פון וועלן זיך דערטראכטן, זיין:
א שטערן העל, א זון וואס בלענדט,
און כ׳וויל מיין לעבן זאל אן אייביקייט געדויערן
און שטארבן זאל איך אין דער יוגנט, ווי א ריז.

כאטש ווייסן ווייס איך גוט:
אז ערגיץ וואו פארענדיקט זיך דער לענגסטער וועג,
און ס׳מוז דער ברייטסטער ים דאך האבן וואו א ברעג,
וואס צאמט און שטעלט דעם לויף פון זיינע כוואליעס אפ.
און עס הענגט איבער מיר אין מיטן בלי פון יארן —

ווי אַ שאַרפֿע שווערד
די שרעק פֿאַרן טויט,
די שרעק פֿאַר מיין לעבן —
וואָס זאָל ניט געדויערן ווי די ליכטיקייט —
נאָר אָן דער ליכטיקייט — פֿון בליץ.

# אין שפּיטאָל

וואונדיק פלאַמט דאָ אויף די שויבן
רויט די זון, ווען זי פאַרגייט,
קראַנקן־שוועסטער — מילדע טויבן,
שוועבן לינד אין ווייס געקליידט.

לאַנגע רייען ווייסע בעטן,
בעטגעוואַנט ווי ווייסער שניי:
געלע, וואַקסענע סקעלעטן,
דרימלען וואַכעדיק אויף זיי.

שאַרפע ריחות פון רפואות
ווי אַ ווייַרוך זיך פאַרשפּרייט:
ציטערדיקער ווי נבואות
נעמט מען אויף דעם דאָקטאָרס רייד.

ס׳וויקלען זיך ווי שוואַרצע וואונדן
קראַנקע, פּייַנעגדיקע טעג.
מיט דער נאַכט ווערט אָנגעצונדן —
ווי אַ פלאַם אין קאָפּ — אַ שרעק.

איין געפיל בלויז איצט פאַרברידערט
יעדן קראַנקענס, שטומען רוף:
זאָל די נאַכט וואָס האָט געניִדערט
ברענגען רו דעם מידן גוף.

וואויל איז דעם וואָס ווערט אַנטשלאָפֿן
ביזן בלויען מאָרגן־שײַן;
דער וואָס וואַכט דעם ווערט באַשטראָפֿן
די פֿאַרצערענדיקע פּײַן.

דער ווערט זען מיט וואַכע אויגן —
(און ס׳וועט אים דורך אַ גרויל)
ווי ס׳איז דער טויט פֿאַרבײַגעפֿלויגן
קושנדיק אַ שכנס מויל.

# אָוונט

א

מיט דער בלויקייט פון דעם קומענדיקן אָוונט
גיסט זיך אַ רואיקייט אַ מילדע אין מיינע גלידער:
הימלען — מיט די הענט צו גרייכן אזוי נאָענט
ווי די שטערן גייען שטיל אין מיר אויף לידער.

די נאַכט קומט אָן אויף זייד־גערויש פון פליגל
צעבליען זיך אַלץ ברוינער, ברייטער מיינע אויגן:
און איך קוק — ווי אין פנים פאַר אַ שפיגל —
דער אייביקייט אריין גלייך אין די אויגן.

ב

כ׳האָב שאָטנדיק אויף דער ערד זיך אויסגעצויגן
פון טאָגיקן גערויש אַ פיינלאַך מידער,
איז שטום געוואָרן דאָס געוויין פון מיינע גלידער
און כ׳האָב מיט אָוונט־בלוי געשטילט דעם דורשט פון מיינע אויגן.

כ׳בין ווי אָן אַלטער דעמב אַ שטומער אויף דער ערד געלעגן —
די הענט מיינע, צוויי אויסגעשטרעקטע צווייגן;
אַ ניט־געהערטע שטילקייט, ווי דאָס לעצטע־שווייגן,
האָט שטום פאַרטרויט מיט דעם סוד פון אַלע וועגן.

# ווערטער

שיכטן שטויב האָבן באַדעקט מיין זעל,
אין יונגן לויף פון מיינע ווילדע יאָרן:
האָב איך שוין פיל פאַרגעסן, נאָר וואָס כ׳געדענק שיינט העל,
ווי שטערן אינ׳ם הימל פון מיין זכרון.

כ׳געדענק קוים ליבע פּנימער פון מענער, פרויען,
סמ׳יק בייזע בליקן — און וואונדער־שיינע ערטער.
נאָר ליב ווי מאָרגן־בלומען טרינקען פרישע טויען —
היט איך אָפּ דעם דופט פון זייערע ווערטער.

שיכטן שטויב האָבן באַדעקט מיין זעל אין יונגן לויף פון יאָרן,
און דאָך געדענק איך ווערטער לויטער פריידן —
וואָס זינגען נאָכאַנאַנד אין מיינע אויערן.
איך געדענק אויך ווערטער — שטעכיק — ווי אַ דאָרן,
מאָר כ׳וואָלט זיך מיט דער לאַסט פוןביידע ניט צעשיידן,
מיין זכרון טראָגט זיי ביידע אָן באַדויערן.

## אַ תפילה

פֿאַרלעש אין מיר דעם שוואַרצן פֿלאַם פֿון שנאה.
פֿאַרצער אין מיר דאָס גיפֿט־געוויקס פֿון קנאה.
פֿיר מיך אום איבער שוידער־וועגן פֿונ׳ם לעבן —
און לאָמיך הערן, זען, פֿאַרשטיין און — פֿאַרגעבן.

# זון־פֿאַרגאַנג

עס שווימען ווי ווייסע פֿרעג־צייכנס —
זעקס ווייסע שוואַנען,
אַנטקעגן דעם פֿאַרנאַכטיק
סודותפֿולן קיניגרייך.
דער אָוונט ווערט באַגריסט,
מיט אַ מאָנאָטאָנעם גרילץ אויף לאַנען,
און מיט אַ מרה־שחורהדיקן קוואַ־קוואַ
פֿון די זשאַבעס אין דעם טייך.

סאָוועס און פֿלעדערמייז קריכן אַרויס
פֿון זייערע נעסטן־לעבער,
און לאָזן זיך אַוועק
אויף נאַכט־געיעג שפּאַצירן.
אין מעריב זייט דער הימל־זוים
ווי אַ וואונדערלאַכער פֿאַווע פֿעכער
מיניעט־זיך, און ברענט,
און ווערט פֿאַרברענט אין פֿלאַמיקע קאָלירן.

# מיטנאַכט שעה׳ן

שטילע שעהן.
מיט לויטערקייט געזאַלבטע מיטנאַכט שעהן.
כ׳האָב ווי קינדער, שטיל, פאַרוויגט מיט נאַכט־רו
אַלע מיינע באַטאַגיקע זאָרגן.
איצט פאַלט אַ מאַטער שיין פון ליכט
אויף מיר און אויף די ביכער אויף מיין טיש,
וואו איך אָטעם מיט דעם סוד פון אייביקע ווערטן.

די אור־אור־אַלטע ווייזהייט
נעמט באַ דער האַנט אָן מיין פלאַטערדיקן געדאַנק
און קרייזט מיט אים איבער די געצעלטן פון געשיכטע,
פון שטומע לעבנסלאָזע בלעטער,
געצערטלט פון מיינע בליקן,
וואַכן אויף געשטאַלטן
באַהויכט מיט דעם כשוף פון וואָרט —
און פאַרטרויען מיר דעם סוד —
פון אייביקע מענטשלאַכע ליידן,
פון אייביקע מענטשלאַכע פריידן.

# פאַרטאָגן

ווען עס זילבערט זיך דער מאָרגן שוין אויף גאַסן,
און מילך־טרעגער לויפן שוין אויף שטיגן,
ווען ס׳פעדערט זיך דער טאָג אין בלענדענדיקע פּאַסן
און וועקט צו נייע נידערלאַגעס און צו נייע זיגן.

טרעפט: כ׳ריים אָפּ מיין קאָפּ פון ווייך־געקנוילטן קישן.
כ׳וויש אָפּ דעם טוי פון שלאָף אויף מיינע אויגן.
מיין האַרץ איז לויטער ווי פרימאָרגן תפילה פון דערווישן,
ווען ס׳צירט זייער פרומער גלויבן זיך אין פאַרב פון רעגנבויגן.

ס׳בליען בילדער אויף אין מיר און וואונדערלאַכע שורות
פון לידער, וואָס פלעגן מיך פאַרפאָלגן און מיך רעגן:
כ׳נעם אַנען רייד פון נישט־פאַרטרויטע בשורות —
און כ׳גיי מיט זון און ווינט דעם טאָג אַנטקעגן.

מיין זעל, אין פלאַטער, ווי אַ יומטובדיקע פאָן ארויסצוהענגען.
מיינע גלידער, — לידער פון אַ ליכטיקן געזאַנג,
און וואָס עס זאָל דער טאָג מיר שוין נישט ברענגען,
— אַ דאַנק.

# איצט

איצט בליען שוין די נעכט דאָ זילבער־בלוילאַך
און ס'שמעקט די לופט
מיט האַרבקייט שוין פון שנייאיק־ווייסע פרעסט:
אַ בלוט־אָרימע לבנה גליטשט זיך איבערן הימל מילד־פאַרטרוילאַך
און כ'וואַרט דאָ אָפּ די טעג, ווי היימיש־ליבע געסט.

פון ווייטנס זע איך פעלדער אָפּגעזוימערטע וואָס ציען זיך אומענדלאַך,
און שפּע'דיקע סטערטעס אויסגעשטעלט אין רייען:
גייט שווערדיק אויף אין מיר — דער פּיין פון דיין ניט זיין מיט מיר—
נאָר ס'ווערט מיר אויך פאַרשטענדלאַך:
די פרייד פון אונזער זיין צוזאַמען — ווען אין צווייען.

עס שפּריצט אויף מיר דער נאָענטער ים, מיט שפּריי ווי קילע טרערן,
און שאַלט זיין אייביק־אומרואיק געזאַנג:
מעוועס צירקלען אין דער הויך ווי ווייסע שטערן –
און זינקען בליציק שנעל אין ים נאָך פישגעפאַנג.

דאָס זאַמד באַם ברעג פון ים איז גאָלדיק־געל,
— ווי אַ פאַרליבטע פרוי איז ווייך די ערד און נאָכגעביק
אונטער מיינע טריט:
איז מיר גוט, ווען כ'טראַכט, אַז מיינע בעסטע יאָרן לינן נאָך פון
יענער זייט פון לעבנס־שוועל,
און עס צייטיקט זיך ערשט איצט אין מיר מיין ערלאַך ליד.